

# תורת אביגדור

פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## יום כיפור

# נאר טון תשובה

**פרנס השבוע**

לכבוד בני החשובים והיקרים

כמר **אהרן יודא** און **אלי-הו שלעזינגער** ני"ו

מיט ליבשאפט,

פון אייער טאטע

## יום כיפור

# נאר טון תשובה

„גענענדי," האט דער טאטע גערופן צו זיין עלטסטע טאכטער, ווי נאר זי האט אראפגעלייגט דעם טעלעפאן, „האסטו באמערקט אז האלב פון דיינע שמועסערייען מיט דיין חבר'טע איז געווען לשון הרע?"

„הממממ, טאקע, טאטי," האט גענענדי מודה געווען מיט אן אראפגעלאזטע קול, „אבער וואס קען איך טון? ס'איז מיר אזוי שווער זיך איינצוהאלטן פון רעדן לשון הרע."

„איך קען דיר העלפן טראכטן עצות ווי זיך צו מתגבר זיין אויף דעם נסיון," האט דער טאטע געענטפערט, „אבער קודם דארפסטו תשובה טון און בעטן מחילה פון השי"ת".

„אבער טאטי, ווי אזוי קען איך תשובה טון? מיין לערערין האט געזאגט אז צו טון תשובה פאר מען ווערט אינגאנצן פטור פון די עבירה איז ווי גיין אין מקוה מיט א טמא'נע שרץ אין האנט, וואס וועט זיכער נישט מטהר זיין דעם מענטש. און איך ווייס נאכנישט וויאזוי צו אויפהערן רעדן לשון הרע, דעריבער, וואס איז בכלל דא צו תשובה טון יעצט?"

„קוק אהער גענענדי," האט דער טאטע געזאגט, „איך בין זיכער אז דו געדענקסט די מעשה פון נביא וואס ענק האבן געלערנט אין סקול. ס'איז געווען גלייך נאכדעם וואס די אידן זענען אריין אין ארץ ישראל. זיי האבן בייגעוואוינט ריזיגע ניסים וואס דער איבערשטער האט געטון ביי די מלחמה מיט יריחו. אלע גוים זענען געווען דערשראקן צום טויט. די קומענדיגע שטאט וואס די אידן האבן געזאלט איינעמען איז געווען עי. אבער דא איז עפעס שרעקליכס געשען. זעקס און דרייסיג אידן זענען געפאלן אין די מלחמה!

די בני ישראל זענען געווען אין שאק. קיינער האט נישט געזאלט שטארבן ווען דער איבערשטער פירט אונזער מלחמה! יהושע און די זקנים האבן אויסגעשריגן צום באשעפער, 'פארוואס האט פאסירט צו אונז אזא טראגעדיע?'.

און וואס האט דער איבערשטער געענטפערט? אז איינער האט גענומען פון די רויב פון יריחו. דער באפעל פון השי"ת איז געווען אויסדריקליך, אז די גאנצע שטאט מיט אלע אירע אוצרות דארפן ווערן פארניכטעט, אבער איינער האט נישט געפאלגט און האט יא גענומען עפעס פאר זיך! ווער קען דאס זיין? צו געוואר ווערן ווער עס איז דער שולדיגער האט מען געמאכט א גורל דורך דעם חושן."

דער טאטע האט אויפגעהויבן זיינע אויגן צו שמואליק וואס איז נארוואס אריינגעקומען אין דיינינג רום, זיך אונטערהערנדיג דעם שמועס.

״טאטי, פונקט היינט האבן מיר געלערנט פון דעם אין חדר. מיין רבי האט געזאגט א פשט פון די מצודת דוד, אז יהושע האט געהייסן אז יעדער זאל פארבייגיין דעם ארון.״

״געוואלדיג,״ האט דער טאטע געשמייכלט. ״ווען מיר דערציילן לויט דעם פשט, וואס איז נאך אינטערעסאנטער.

יהושע האט געהייסן פאר אלע אידן אז זיי זאלן פארבייגיין דעם ארון און ווי נאר די אידן פון שבט יהודה זענען נאנט געקומען זענען זיי פארגליווערט געווארן אין פלאץ! דער ארון האט געוויזן אז עפעס איז דא נישט גלאטיג, דאס מיינט אז איינער פון זיי איז דער שולדיגער.

יעצט האט יהושע געהייסן אז אלע פון שבט יהודה זאלן פארבייגיין דעם ארון און דאסמאל איז משפחת זרח געבליבן פארגליווערט אין פלאץ.

״אה, איינער פון ענקער משפחה...״ האט יהושע אויסגערופן.



איז משפחת זרח אריבער דעם ארון און יעצט איז משפחת זבדי געבליבן פארגליווערט אין פלאץ. און משפחת זבדי איז אריבער דעם ארון. יעדער איז אריבער בשלום נאר איין מענטש, מיטן נאמען עכן איז שטיין געבליבן. יעצט איז שוין געווען קלאר ווער דער גנב איז. די גמרא ברענגט אז יהושע האט אים געפרעגט, ׳האסטו גענומען פון דער רויב פון יריחו?׳

׳ניין׳, האט ער געענטפערט.

יהושע האט זיך געזארגט אז דאס איז זייער א הארבע זינד. עכן קען פארלירן זיין עולם הבא, וואס דאס איז די ערגסטע זאך וואס קען געשען צו א איד! יהושע האט אים געוואלט העלפן אבער ער האט פארשטאנען אז עכן וועט אין בשום אופן נישט מודה זיין יעצט ווען ער האט עס שוין פארלייקנט.

הער וואס יהושע האט געטון, ער האט איינגענארט עכן צו תשובה טון. ער האט אים געזאגט אז אויב ער וועט מודה זיין וואס ער האט געטון וועט ער גערעטעוועט ווערן. (יהושע האט געמיינט צו זאגן אין עולם הבא, אבער עכן האט געמיינט אז ער וועט ווערן גערעטעוועט פון באשטראפט ווערן.) און ער האט זיך מודה געווען. 'אנכי חטאתי לה' ... וזאת וכזאת עשיתי - איך האב געזינדיגט צו גאט, דאס און דאס האב איך געטון'.

יהושע האט איינגעפאפט עכן צו זאגן וידוי, וואס מיינט צו מודה זיין פאר השי"ת אויף די אייגענע עבירות - און אזוי וועט ער קענען באקומען עולם הבא!"

"אבער טאטי," האט געגענדי נישט פארשטאנען, "ווי קען מען דאס רעכענען פאר תשובה? עכן האט דאס נאר געזאגט ווייל ער האט געמיינט אז ער וועט נישט באשטראפט ווערן. ס'קוקט נישט אויס ווי ער האט עכט חרטה געהאט אויף זיין עוולה. דאס איז ווי מיר בעטן זיך איבער נאכן זיך קריגן, ווייל דו האסט אזוי געהייסן, אבער מיר מיינען דאס נישט ערנסט."

"פונקט אזוי," זאגט דער טאטע, "פארשטייט זיך אז ריכטיגע תשובה מיינט איבערלאזן די אלטע עבירות און זיך פארנעמען מער נישט צו זינדיגן אבער אפילו נאר סתם ארויסזאגן די ווערטער, 'חטאתי', איז שוין א מצוה. דאס איז די מצוה פון וידוי! און מיר נעמען א ראיה פון די גמרא ביי עכן, אז אפילו נאר טון איין חלק פון תשובה - מודה זיין צו השי"ת אז מען האט געטון אן עבירה - אפילו מען האט נאכנישט חרטה מיטן גאנצן הארץ קען מען שוין גערעטעוועט ווערן!

נאר דורך זאגן וידוי, בלויז די ווערטער אליין, 'הייליגער באשעפער, איך האב חרטה אויף מיין זינד!' - ווערט שוין א גרויסע חלק פון דער עונש פארמיטן!"

"אוי ווייי, טאטי," האט געגענדי אויסגערופן, "איך האב חרטה פארן עובר זיין אויף די עבירה פון לשון הרע. איך מיין אז איך וועל צוריק קלינגען מיין חבר'טע איר צו פרעגן אויב זי וויל לערנען מיט מיר א שיעור אין 'חפץ חיים' איבער הלכות לשון הרע!"

א גמר חתימה טובה

**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3**